## ניו יארק סטעיט אומערוואַרטעטע מעדיצינישע ביל באַשטעטיגונג בויגן

**איר זענט באַשיצט פון אומערוואַרטעטע מעדיצינישע בילס. אייער העלט אינשורענס פּלאַן מוז באצאלן אייער העלט קעיר פּראָוויידער, און אייער פּראָוויידער קען נישט שיקן בילס פאר אייך צו צאלן, חוץ פון פאר סיי וועלכע מיטגעטיילטע קאסטן אין די געדעקטע נעטווארק.**

- דער בויגן איז פארלאנגט פאר אומערוואַרטעטע בילס אין (1) אונטן פאר דאטומען פון סערוויסעס בעפאר 1/1/22 און פאר אומערוואַרטעטע בילס אין (2) אונטן פאר אלע דאטומען פון סערוויסעס. דער בויגן איז **נישט** פארלאנגט פאר אומערוואַרטעטע בילס אין (1) אונטן פאר דאטומען פון סערוויסעס פון 1/1/22 און דערנאך, אבער עס העלפט אנדייטן ווען סערוויסעס ווערן פארערבנט פאר אן אומערוואַרטעטע ביל.
- שיקט א קאפיע פון דעם בויגן צו אייער **פּראָוויידער** און **העלט אינשורענס פירמע** (אריינרעכענענדיג סיי וועלכע ביל וואס איר האט באקומען).

אייער פּראָוויידער קען אויספילן דעם בויגן פאר אן אומערוואַרטעטע ביל ווי ערקלערט אין (1) אונטן פאר דאטומען פון סערוויס פון 1/1/22 און דערנאך, און אייער פּראָוויידער מוז עס שיקן צו אייער **העלט אינשורענס פירמע**.

**אן אומערוואַרטעטע ביל ווערט פארערבנט ווען:**

1. איר זענט ביי א שפיטאל וואס איז אין די געדעקטע נעטווארק אדער ביי א דרויסנדיגע כירורגישע אנשטאלט און עס איז נישט געווען קיין פּראָוויידער אין די געדעקטע נעטווארק פאר אייך; א פּראָוויידער אינדרויסן פון די געדעקטע נעטווארק האט אייך צוגעשטעלט סערוויסעס אן אייער וויסן; אדער איר האט געדארפט אומפאראויסגעזעהענע מעדיצינישע סערוויסעס. איר האט אויך נישט אויסגעוועהלט צו באקומען סערוויסעס פון א פּראָוויידער אינדרויסן פון די געדעקטע נעטווארק אנשטאט א פּראָוויידער וואס איז געווען אוועילעבעל אין די געדעקטע נעטווארק בעפאר איר זענט געגאנגען צום שפיטאל אדער דרויסנדיגע כירורגישע אנשטאלט. (עמערדזשענסי מעדיצין, איינשלעפערונג, פעטאלאגיע, רעידיאלאגיע [רענטגען א.ד.ג.], לאבארעטאריע, ניאָנאטעלאלאגיע [ניי-געבוירענע בעיביס], געהילף כירורג, שפיטאל דאקטאר אדער אינטענסיוו קעיר סערוויסעס אין א שפיטאל אדער דרויסנדיגע כירורגישע אנשטאלט וואס זענען אין די געדעקטע נעטווארק ווערן געוועהנטליך פארערבנט אלץ אומערוואַרטעטע בילס.)
2. דורכאויס א באזוך מיט אייער דאקטאר וואס איז אין די געדעקטע נעטווארק באהאנדלט אייך א פּראָוויידער וואס איז נישט אין די געדעקטע נעטווארק; אייער דאקטאר וואס איז אין די געדעקטע נעטווארק נעמט אפּ א סעמפל פון אייך פאר א טעסט און שיקט עס צו א לאבארעטאריע אדער פעטאלאג וואס איז נישט אין די געדעקטע נעטווארק; אדער אייער דאקטאר וואס איז אין די געדעקטע נעטווארק שיקט אייך צו א פּראָוויידער וואס איז נישט אין די געדעקטע נעטווארק (און אייער העלט אינשורענס פירמע פארלאנגט אייך צו געשיקט ווערן דורך אייער דאקטאר). איר האט אויך נישט אונטערגעשריבן אן איינשטימונג אין שריפט אז איר ווייסט אז די סערוויסעס וועלן נישט זיין אין די געדעקטע נעטווארק און אנבארענגען קאסטן וועלכע זענען נישט געדעקט דורך אייער העלט אינשורענס פירמע.

**איך באשטעטיג אז ווי ווייט איך ווייס (צייכנט אן איינס):**

- ☐ האב איך באקומען סערוויסעס וועלכע ווערן פארערבנט אומערוואַרטעטע בילס לויט ווי אויסגערעכנט אין (1) אדער (2) אויבן, און איך וויל אז דער פּראָוויידער זאל פרובירן צו באצאלט ווערן פאר דעם ביל פון מיין העלט אינשורענס פירמע (דאס איז א "באאויפטראגונג") **אדער**
- ☐ איך בין א **העלט קעיר פּראָוויידער**, און דער פאציענט האט באקומען סערוויסעס וועלכע ווערן פארערבנט אלץ אומערוואַרטעטע בילס לויט ווי ערקלערט אין (1) אויבן פאר דאטומען פון סערוויסעס פון 1/1/22 און דערנאך.

| | | | |
|---|---|---|---|
| **פאציענט נאמען:** | | **דאטום פון סערוויס:** | |
| **פאציענט פאסט אדרעס:** | | | |
| **אינשורענס פירמע נאמען:** | | **אינשורענס ID נומער:** | |

| | | | |
|---|---|---|---|
| פּראָוויידער נאָמען: | | פּראָוויידער טעלעפאָן נומער: | |
| פּראָוויידער פּאָסט אדרעס: | | | |
| פּראָוויידער פארבינדונג נאמען (אויב אנדערש פון פּראָוויידער נאמען) | | | |
| פּראָוויידער פארבינדונג אימעיל אדרעס: | | | |

עלכע מענטש וועלכער טוט – וויסנדיג און מיט כוונה צו אויסנארן סיי וועלכע אינשורענס פירמע אדער סיי וועלכער אנדערער מענטש – אריינגעבן אן אפליקאציע פאר אינשורענס אדער א סטעיטמענט מיט א קלעים מיט סיי וועלכע וויכטיגע פאלשע אינפארמאציע, אדער באהאלט – מיט די ציהל צו אפנארן – אינפארמאציע איבער סיי וועלכע באטרעפנדע פאקט דערפון, גייט דערמיט דורך אן אפנארנדע אינשורענס אקט וואס איז א פארברעכן, און דאס וועט קענען באשטראפט ווערן מיט א ציווילע קנס וואס וועט נישט זיין מער פון $5,000 און די אנגעדייטעטע ווערט פון די קלעים פאר יעדע אזעלכע פארלעצונג.

| | | | |
|---|---|---|---|
| נטערשריפט (פון פאציענט אדער פּראָוויידער): | | דאטום אונטערגעשריבן: | |

**אויב איר האט פראגן איבער דעם בויגן, פארבינדט אייך מיט די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services) אויף 800-342-3736.**